# לידער

## וועלוול טשערנין

נאָך־יום־טובֿדיק

כאַריזמאַטישע פֿיגורן הינטער שויבן פֿון וויטרינעס.
אַ דערבאַרעמדיקער גדול אויפֿן סאַמע אויבן־אָן.
צוויי פֿאַנטאַסטישע פּלאַנעטן, גאָר אַן אַלטער ספֿר קינות.
צוואַנגען ראָסטיקע אין קאַסטן. טירן. מאַי קא משמע לן?

פּאָפּןווינטערצײַט די בערן. זשליאָקעט בראָנפֿן אַ פּאָניאַטשקע.
שטייט פֿאַרגליווערט אַ בעל־תּשובֿה. בלײַען רויזן אויף אַ גאַס.
פֿאַלן אומעטיקע ווערטער. אויף אַ סטאַוועק שוימט אַ קאַטשקע.
קלאַפּן שוסטערס אינעם עבֿר. וואָס וועט זאָגן אַ בר־דעת?

קאַלעמוטנע רינעס שטראָמען, זיך אײַנגיסנדיק אין טײַכן.
אויף אַ טאָוול שרײַבט אַ לערער מיט אַ לאָרד דעם ערשטן אות.
אַ משונהדיקע ברירה דרייט זיך בײַ אַ וועג אַ גלײַכן.
אַן אַכזריותדיקער קיסר פֿאָדערט שטײַערס אָן אַ מאָס.

בײַם בעל־מאה און בעל־דעה אויב אין קמח איז אין תּורה.
דינא דמלכותא דינא כאָטש דור אײַן און כאָטש דור אויס,
רײַך ווי קורח און כּל־ימיו פּגרט פֿון אַ מרה־שחורה
כּימי עולם וכשנים — אַלץ פֿאָרויס, פֿאָרויס, פֿאָרויס.

די גערעטעניש פֿון פֿעלדער שענקט אַ שפּע אויפֿרײַס־מינעס.
המן־טאַשן פֿילט די באָבע פּורימדיק מיט פּולווער־מאָן.
כאַריזמאַטישע פֿיגורן הינטער שויבן פֿון וויטרינעס.
אַ דערבאַרעמדיקער גדול אויפֿן סאַמע אויבן־אָן.

תּל־אָבֿיבֿ, תשס״ב

---

הנה זקנת ובֿניך ...

כאָלערעס
דורך פּריזמעס פֿון ימים-נוראים —
אַזוי גאָר
אַנטפּלעקן מיר זיך פֿאַרן דרויסיקן עולם.
עס ווילט זיך
זײַן סתּם אַ מדבר לעת-עתּה, אַ מין אור לגויים,
נאָר מוז מען
דאָך זאָגן כּל-נדרי. דער עולם — אַ גולם.

מה שמך?
ווער ביסטו אין תּוך אָן די קליפּות-גילגולים, דו, עמך, צעזייט און צעשפּרייט איבער לענדער און צײַטן?
עקידה
פֿאַר איציקן איז צוגעגרייט. שיק אין שול אים,
זאָל ווערן
דײַן איציק אַזאַ ווי געווען בײַ די לײַטן.

מה יפֿית!
עס ווערט נישט פֿאַרגעסן דער מנהג דער אַלטער.
עס וואַרט נאָך
אַ כאָפּטע פֿון יונגען אויף יענעם אַבֿרהמען.
עס פֿאַלט נאָך
די האַנט. און דער מלאך? נאָך שאַלט ער,
ווי בייזע
מאַשינעס מיט פֿליגל אויף אַעראָדראָמען.

און אפֿשר,
וועט אַנדערש זײַן אַלץ נאָך דער לעצטער נעילה?
אַוודאי!
מיר האָבן פֿון לאַנג שוין געשריבן אַנטשפּרעכיקע תּנאָים.
ס'וועט קומען
משיח און רופֿן אונדז חס וחלילה.
עס ווילט זיך
זײַן סתּם אַ מדבר לעת-עתּה,
אַ גוי ככל הגויים.

ת"א, תשס"ב

נאָך יהודה לייב גאָרדאָן

למי אָני עמל? — איך האָרעווע דען?
אַט פֿלעגט מען אַמאָל טאַקע נעמען אַ סטען
און גיין אויף אַ קומזיץ און שאַפֿן אַ ליד,
זאָל זײַן פֿרײַ און פֿריילעכער אַ פּשוטער ייִד.

און איצטער? — און איצטער איז אַלצדינג פֿאַרקערט.
אַ זינגער האָט כּלל פֿון קיין סטען ניט געהערט.
ער קומט אין קאַוויאַרניע אויף שענקן און זיצט,
ווייל דאָרט איז די מוזע די ייִדישע איצט.

צי אפֿשר אין גלות, לעבֿר-הים?
- איך בין ניט קיין יורד. איך מאַך זיך דאָך סתּם.
כ׳וועל בלײַבן אין ארץ-ישׂראל אַליין
צו זינגען מײַן ליד, וואָס איז פֿול מיט געוויין.

אָ, טאָלן און בערג פֿון מײַן פֿרום-הייליק לאַנד!
איך בין אײַער זינגער! איך קלאַפּ קאָפּ אין וואַנט
און וויין בײַ דער וואַנט. ס׳איז נאַטירלעך. ס׳טוט וויי.
נאָר ווער וועט דערהערן מײַן הימלגעשריי?

ת״א, תשס״ב

---

## מיט ביקס אין האַנט

און אַזוי וועסטו זיצן
אָן אַ ריר, אָן אַן אָטעם, אָן שום
טויטע נאַרישע טרוימען, וואָס האָבן געשטערט דיר צו זײַן.
און דער זויעריק-זיסער מאָטיוו וועט שוין אויפֿהערן גנעדיק
אַרום-קלינגען, ברעכנדיק טײַערע כּלים
און צעגיסנדיק שטיפֿעריש ווײַן.

וועסט באַקומען דײַן בוים,
פֿול מיט פֿײַגן און שאָטנדיק קיל,
אין דײַן אײגענעם ווײַנגאָרטן, און בכלל ניט דעם טאַטנס, נאָר דײַן.
אַלץ וועט זײַן אַזוי רויִק, אַזוי אַלט, אַזוי בלאַס, אַזוי שטיל,
און ס׳וועט בלײַבן נאָר שפּירן
נאָך דעם שפּילן אין שאָטנס-און-שײַן.

די געשיכטע וועט קומען צום סוף.
ס׳וועט זיך אָפּשטעלן פֿויל אויך די צײַט.
נאָר די וואַסערן וועלן נאָך שטראָמען אַראָפּ און אַרויף.
און וועסט וויסן נאַטירלעך, אָן טראַכטן, געניי, וואָס באַדײַט
אַלצדינג אונטער דעם הימל
אין דײַן אומבאַוועגלעכן גוף.

און וועסט האָבן בדעה
עקזיסטירן אומענדלעך און גאָר
נישט באַשאַפֿן, ווײַל אַלץ איז אַ הבֿל און אַלץ איז במילא פֿאַראַן,
און וועסט לײַדן פֿאַר הונגער פֿונעם וויסן בכל דור ודור,
אַז דײַן סאָד איז אַ סוד,
נאָר דײַן גאָרטן איז פֿאָרט ניט קיין גן.

קדומים, תשס״ב

---

## אַהבֿת-חינם

כ׳האָב זיך פּשוט דערשראָקן
פֿון אָט דער
אוממעגלעכער ליבע.
זי איז טאַקע אוממעגלעך
געווען אויף
אַן ערנסטן דערפֿאַרענעם קוק.
ממש שוואַרצמאַנס ראָמאַנטיק
און דערצו —
מיט אַ טרער ווי בײַ פֿרוג
און דערבײַ מיט אַ לעבנס-קראַפֿט
בונט ווי בײַ
טבֿיה׳ן, אַן שטיק, אַן אַ סיבה.

כ׳האָב זיך פּשוט דערשראָקן
און פֿאָרט
כ׳בין געגאַנגען נאָך איר ווי אַ קאַלב,
וואָס ער גייט און ער ווייסט ניט
צו וואָס —
זויגן מילך צי אויף שחיטה.
אויסצומײַדן די תּמימות
העלפֿט צו
אַ געפּרוּווטע שוין שיטה.
נאָר זי אַרבעט ניט דאָ,
ווו מע האָט ניט ליב
קאַרג, אויף אַ האַלב.

כ׳האָב זיך פּשוט דערשראָקן,
אַז דעם נס וועלן ווינטן
צעווייען
און זיי וועלן צעטראָגן
פֿראַגמענטן פֿון מײַן
צערטלעך-ציטערדיק גליק.
און אַז איך וועל ניט קאָנען
געפֿינען קיין וועג אויף צוריק.
און כ׳וועל אויסגיין אומזיסט,
מיט קעלבישע הימלגעשרייען.

כ׳האָב זיך פּשוט דערשראָקן.
און דערפֿאַר בין איך מוטיק און שטאַרק.
און איך שפּאַן ווי אַ קאַלב
פֿריילעך איבער דעם פּײַן-וועג דעם גרינעם.
און איך גלייב, אַז ס׳וועט זיגן דאָך
אַלצדינג די ליבע בחינם,
ווי די כעלעמער שטופּנדיק
פֿריילעך און מונטער דעם באַרג.

תּל-אָבֿיבֿ, תשס״ב

---

## וואַרטנדיק אויף ליבע

אוי, איך קען ניט שטיין
גאָר רויִק אויף אַן אָרט.
שחרית בין איך דאָ
און מעריבֿ — ערגעץ דאָרט.
דאָס איז אַ מחיה
און אַ שווערער עול.
כ׳וויל אויף אַלע שׂימחות
טאַנצן מיט אַ מאָל.
און קלעזמאָרעם שפּילן
און דאָס רעדל יאָגט,
ווו איך האָב געגעכטיקט,
ווו איך האָב געטאָגט.
לעבן צי נישט לעבן —
קיין פֿראַגע איז נישטאָ —
פֿרײַטיק בין איך דאָרט
און אויף שבת — דאָ.

ווילסטו — שווײַג,
ווילסטו — ברײַ —
וואָליינס — נאָליינס
בין איך פֿרײַ.
ווילסט — זײַ צאַרט,
ווילסט — זײַ האַרט —
ווײלסט נישט פֿאַרט
דײַן לעבנס-אַרט.

כ׳האָב געזען
אַ נס מן השמים,
און געבליבן
דאָך אַ חי-וקים.
כ׳האָב אויף אים
לאַנג געוואַרט.
ס׳איז מײַן ציל
און מײַן לעבנס-אַרט.

און איך וועל ניט שטיין
סתּם רויִק אויפֿן אָרט.
רויִק בין איך דאָ,
נאָר גליקלעך — ערגעץ דאָרט.
דאָס איז דאָך מײַן טבֿע
און מײַן זיסער עול.
כ׳מוז אויף אַלע שׂימחות
טאַנצן מיט אַ מאָל.
בעת די קלעזמער שפּילן
און דאָס רעדל יאָגט,
האָב איך בנאמנות
עפּעס צוגעזאָגט.
האָב איך שוין צעריסן
פֿיל מאָל מײַנע שיך.
דאָס איז מײַן פֿאַרפֿליכטונג,
אָבער ווו בין איך?

קיין שטילע שמונה-עשׂרה
איז מיר ניט אויסצושטיין.
אַלץ איז רעלאַטיוו דאָך,
ווי ס׳האָט אַנטפּלעקט איַינשטיין.

איך בין פֿון מצרים
וואַנדערן אַרויס,
צום חרות צום אַלט-נייַעם
פֿון דער מאַמעס שויס.

דער מדבר איז מייַן קללה,
דער מדבר איז מייַן בריק.
ער פֿאַרנאַרט מיך זוכן
אַ סטעזשקע אויף צוריק.
ענג איז אין דעם מדבר,
כאָטש ער איז כּלומרשט גרויס,
און ער טרייַבט כּסדר
פֿאָרויס, צוריק, פֿאָרויס.

כּפֿר-אלדד, תשס״ג

## קבֿר-יוסף

ווי אַ הונט, וואָס ער קוקט פֿון דער ווײַטן
אויף זײַן חרובֿ-געמאַכטן הויף,
און ער דרייט זיך אַרום און אַרום
און דערוואַגט ניט לעת-עתּה אַרײַן,
אָט אַזוי, אַ צעשלאָגטער,
שטיי איך בייז אויפֿן שפּיץ פֿונעם באַרג
און איך קוק פֿון דעם אויבן אַרונטער
און איך לעק זיך אַרום.
און די ווונדן זיי טועַן נאָך וויי,
און איך קאָן ניט אַוועקגיין.

און עס הייכט זיך דער הייליקער באַרג,
אַ פֿאַרשראַמטער פֿון אַלטע וויכּוחים,
מיט חורבֿות פֿון אור-אַלטע תּיפֿלות
און בעטאָנענע איצטיקע שוץ-ווענט.
איך באַהאַלט זיך דערווײַל אינעם שאָטן,
נאָר איך שאַרף ערבֿ שלאַכט מײַנע ציין.
מײַן געדולדיקן גרימצאָרן היט איך
- ווי אַ הונט.

קרית-לוזה — כּפֿר-אלדד, תשס״ג

---

ס׳איז נמאס געוואָרן אַלץ ווידער און ווידער דערקלערן דאָס קלאָרע.
עס וועט ניט פֿאַרענדיקן קיין מאָל דעם אַלטן וויכּוח
- גיי ווייס וועגן וואָס! ס׳זאָל אים נעמען בגניבֿה אַ רוח
און אַלץ וועט מסתּמא זײַן רויִק און שטיל קיין עין-הרע.

ס׳איז נמאס געוואָרן צו זײַן נאָר אַ שני-למלך,
זיך וואַרעמען קנעכטיש בײַ עמעצנס פּריצישער גדולה.
איך האָב זיך דאָך אויכעט געלערנט אין אַ רוסישער שולע.
דהיינו, אַ ספֿק, אַז שטענדיק זײַן אומשטימיק וועל איך.

ס׳איז נמאס און פֿאָרט בין איך ממשיך צו שווײַגן לעת-עתּה
צי אויפֿברויזן טשאַטעס פֿון מוראדיק-מורדישע ווערטער,
וואָס זײַנען ניט ווערט קיין צוויי זאַמדלעך צו בײַטן מיט ערטער...
ס׳איז טרויעריק עטוואָס זיך אויסזען אַזאַ תּמעוואַטע.

צי בין איך שוין גרויס? ס׳איז אַ פּנים אַ נאַרישע שאלה.
מע מוז טאָן אַ פּרוּוו, און דער אמת וועט באַלד זיך אַנטפּלעקן.
צי זיצט אויף איין אָרט, צי גייסט ערגעץ באַפֿרײַט מיט אַ שטעקן.
כ׳וועל גיין, אָבער פֿריִער איז בעסער נאָך וואַרטן אַ ווײַלע.

רמת-גן, תשס״ג